שמע ישראל ה' אלקינו ה' "אחד"

קונטרס

# דורשי יחודך

שיחות ומאמרים

מאת

הגה"צ רבי **יעקב מאיר שעכטער** שליט"א

מאמר

**הצלת נפשות**

**אידיש**

מועתק מלשונו הזהב

**מאמר ל"ו**

חודש חשון שנת תשפ"ה לפ"ק

י"ל בסיוע

**מפעל להדריך**

עזר לתלמידים במסגרת הישיבה


אזוי ווי די הוצאות שטייגן כסדר, ווילן מיר בעטן אז ווער עס קען זאל

**זיך משתתף זיין בעין יפה כדי מיר זאלן קענען ווייטער ממשך זיין ביתר שאת**

איך קענט ארייגרופן אין אפיס **718-586-5199** אדער טעקסטן צו **347-292-1014**

אדער אטעמאטיש דורך רופן **845-366-2793 #6054**


לשמיעת המאמר מפי מורינו הגה"צ שליט"א, ולהערות והארות

**קול דורשי יהודך**

**718-586-5199**

בא"י 0765997840

~ ~ ~

ניתן לקבל מידי חודש הקונטרס באימעל: dyyms12@gmail.com

וכן ניתן לקבל את הקונטרס דרך הדואר, במחיר חודשי של $20 עבור הוצאת עריכת הקונטרסים

נא להשאיר הודעה בקול דורשי יהודך נומער 9


©

כל הזכויות שמורות



מכון דורשי יהודך

נסדר לדפוס ע"י:

ישר

Publishing & Production

718.484.2189

# תוכן המאמר


'אהבֵהו על הבריות' ........ א
ווערן זעלבסט א טייל פון די 'מקבלי התורה' ........ ב
אוועקגעבן א צענטל צייט ........ ג
קריגט זיך ווייטער ........ ד
וועמען ראטעוועט דער צדיק פון גיהנום? ........ ז
אלץ שטייט אויף די פּאַדעשוועס ........ ח
זיך פלוצלונג אפגעשטעלט ........ י
געשטארבן צוזאמען אין דער זעלבער צייט ........ יא
אַן אייגענע התעוררות - גאר עפעס אנדערש! ........ יב
מען קען זיך באנייען ........ יג
די גרעסטע שמחה ........ יד
זיך געבעטן מען זאל אים מספיד זיין ........ טז
ווייטער דינען דעם אויבערשטן פון יענער וועלט ........ יז
מעלת ויקרת התעוררות קטן העולה מזה העולם ........ יח
לאָז זיך נישט אָפּנאַרן! ........ כ
כאפ אריין 'היינט'! ........ כ
'ובתורתו יהגה' ........ כג


**חלק מהוצאות נתנדב**
**לע"נ שר הצדקות והחסד**
הרה"ח ר' **חיים דוב (בער)** ע"ה ב"ר **חנני יו"ט** הי"ו
**(מייזעלס)**

# ברכת מזל טוב

לכבוד משפחת הרוממה כל אחד בשמו הטוב יבורך

ה"ה **משפחת ראזענפעלד** המעטירה

**לרגל שמחת נישואי אחותם הכלה שתחי'ו**

**עב"ג הבה"ח יעקב קאפיל ני"ו**

**בן הרה"ח רבי חיים מאיר האס שליט"א**

◆

ולכבוד הרב החסיד המרומם איש ישר וטוב לב

הרב **משה** ברש"ש **סטרולאוויטש** שליט"א

**לרגל אירוסי בתו הכלה עב"ג**

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, שמשמחות זו ישפע שפע רב לנו ולכל בני ישראל, והזווגים יעלה יפה יפה, ויזכו לבנות במהרה בנין עדי עד, ולראות דורות ישרים ומבורכים, וכטו"ס אמן

# הבית אשר בנה שלמה

ברכת מזלא טבא וגדיא יאה לכבוד האי גברא רבא ויקירא עשה ועושה בלי ליאות להחיות לב נדכאים, ולשמח נפשות ישראל, עומד לימינינו בכל עת ועונה

מוה"ר **שלמה זלמן שפיטצער** הי"ו

**לרגל הולדות בתו למעז"ט בשעטו"מ**

ויהא רעוא מן קדם אבוהון דבשמיא, שיזכה לגדלה ולחנכה לתורה ולחופה ולמעש"ט, ומשמחה זו ישפע שפע רב לנו ולכל בני ישראל אמן.

# מאמר ל"ז

## הצלת נפשות

### 'אהבֵהו על הבריות'

כ'וואלט געוואלט אביסל מוסיף זיין אויף דעם וואס רבי **משה אנשין**[א] האט גערעדט וועגן דעם ענין וואס עס איז דא אמאל אראפגעפאלענע בחורים וואס מען דארף טון פאר זיי אז זיי זאלן נישט אריינפאלן אין דער סטרא אחרא, אז דאס איז כמעט איינע פון די יסודי הדת[ב].

חז"ל זאגן[ג]: "**וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹקֶיךָ**"[ד] - '**אהבֵהו על הבריות**'. א מענטש, חוץ וואס ער דארף וויסן פון השם יתברך, פון דער תורה הקדושה, פון צדיק - זה חלקי! אט דאס איז דאך דער נצחיות! דאס איז דער לעבן! אבער דער שלימות הדבר איז, אזוי ווי ווען א מענטש האט ליב א זאך, ער האלט פון זיין טאטן, ער האלט פון איינעם, וויל ער אז אלע זאלן האלטן פון אים, אלע זאלן וויסן פון אים, אזוי איז דא א מצוה פון "ואהבת את ה' אלקיך" - 'אהבֵהו על הבריות'.

---

**א.** ה"ה בן גיסו של מורינו הגה"צ שליט"א שיבלחט"א ה"ה הרה"ח רבי משה גדלי' אנשין ז"ל בנו של הר"ר אברהם ז"ל חתן הרה"ח רבי דוד שעכטר ז"ל שעסק רבות בעניני חבורות לבחורים.

**ב.** עיין ליקוטי הלכות הל' תערובות ה"ה, אות ד': ענין זה לקרב נפשות לה' יתברך הוא דבר קשה וכבד מאד, אך אף על פי כן **בהכרח** לעסוק בזה, כי הוא **חיוב** על כל אחד מישראל לעסוק בזה, כמו שמבואר בהתורה כי מרחמם ינהגם וכו' (ליקו"מ תנ' ז'), שכל אדם מחוייב לעסוק בזה.

**ג.** ספרי פר' ואתחנן פס' ז'.

**ד.** דברים ו, ה'.

עס איז עפעס א קליינקייט?! "**משה קיבל תורה מסיני ומסרה ליהושע, ויהושע לזקנים, וזקנים לנביאים**"[ה]. די גאנצע תורה הקדושה, דער גאנצער קיום, דאס גאנצער נצחיות פון עַם ישראל, דאס גאנצער נצחיות פון השם יתברך, דער גאנצער כריתות ברית וואס דער אויבערשטער האט כורת ברית געווען מיט די אבות הקדושים, איז געווען א ברית עולם אז זיי זאלן איבערגעבן די אמונה הקדושה און די תורה הקדושה מדור לדור, לעולמי עד ולנצח נצחים[ו].

## ווערן זעלבסט א טייל פון די 'מקבלי התורה'

אין ליקוטי מוהר"ן **תורה נ"ט** רעדט דער רבי דארטן פון 'מקרב זיין נפשות לעבודת השם יתברך' - און די 'תיקוני הצדיק' וואס ער בויעט אויף דורך דעם[ז]. טייטשט דארט אויס דער רבי (אות ה'): "**בַּיִת וָהוֹן נַחֲלַת אָבוֹת**"[ח], [עס איז נישט ערשט דער זמן צו מאריך זיין ווי אזוי עס טייטשט זיך איין אין פסוק, אבער] דער רבי טייטשט דארטן דעם סוד פון 'בית והון', אז דאס איז דער ענין פון מקרב זיין מענטשן צו השם יתברך. זאגט דער רבי: "**נחלת אבות**" - אט די זאך וואס דער צדיק האט א כח צו אריינברענגען די אמונה הקדושה, צו דערוועקן דער וועלט צו השם יתברך, צו מקרב זיין נפשות צו השם יתברך, אט דאס איז 'נחלת אבות' - דאס איז א ירושה פון די אבות הקדושים.

---

**ה.** משניות אבות פ"א, מ"א.

**ו.** כמ"ש שם בפסוק בראשית יז, ז': **וַהֲקִמֹתִי אֶת בְּרִיתִי** בֵּינִי וּבֵינֶךָ וּבֵין זַרְעֲךָ אַחֲרֶיךָ לְדֹרֹתָם לִבְרִית עוֹלָם **לִהְיוֹת לְךָ לֵאלֹקִים וּלְזַרְעֲךָ אַחֲרֶיךָ**, ועוד.

**ז.** וזל"ש בקיצור (מליקוטי עצות): זה האיש המשתדל לקרב ולעשות נפשות, הוא בונה בחינת היכל הקודש. ואף על פי שיש כמה וכמה שנופלים מקדושתם ואינם מתקיימים, אף על פי כן, מאלו שנשארו דבקים ביראה על ידו, על ידי זה קדוש יאמר לו. והשם יתברך נתכבד מאד על ידי שמקרבין לעבודת השם יתברך אלו הרחוקים, כי זה עיקר כבוד השם יתברך, כשהרחוקים מאד מתקרבים אליו.

**ח.** משלי יט, י"ד.

אז א מענטש האט א זכיה צו נעמען איינעם, וואס חלילה, אז יענער זאל פארגיין, אז יענער זאל אפלאזן די תורה הקדושה, ער זאל אפלאזן אידישקייט, וויפיל עבירות קען ער אלץ אפטון - ער מיט זיינע דורות מיט זיינע דורי דורות, וואספארא מין רחמנות עס איז אויף אים לעולמי עד ולנצח נצחים; און אז א חבר גייט צו און איז אים מקרב צום אויבערשטן - און ער בלייבט א איד - ער מיט זיינע קינדער לעולמי עד ולנצח נצחים; איז 'ראשית כל' גייט מען אריין אין דעם שלשלת, מען גייט אריין אין דעם שלשלת פון "**משה קיבל תורה מסיני ומסרה ליהושע**". אז וואס? אין א געוויסער דור איז איבערגעגאנגען די תורה הקדושה דורך מיר, ווייל איך האב געראטעוועט איינעם, איך האב נישט געלאזט דעם בעל דבר זאל אים בארויבן[ט].

## אוועקגעבן א צענטל צייט

עס גייט אָן אפילו אין ישיבה, אמאל איז דא א חבר וואס איז אונטערשטעליג אין לערנען, און אז מען איז אונטערשטעליג אין לערנען, מען האט נישט קיין חיות - ממילא בטל'ט מען, און אז מען בטל'ט - טשעפען זיך צו אלע סטרא אחרא'ס רחמנא ליצלן. זאל איינער אוועקגעבן צייט. יעדער איינער זוכט א גוטע חברותא, יעדער איינער וויל שטייגן - גיב אוועק א שעה צו אנדערהאלבן שעה פאר א צווייטן.

---

**ט.** עיין ליקוטי הלכות הל' נדרים ה"ד, אות ו': הצדיק מאיר דעת אמיתי ונפלא כזה עד שכל מי שזוכה לקבל הארה מדעתו יש לו כח להאיר יותר לחבריו ותלמידיו. **אפילו אם הוא בעצמו קטן במעלה מאד** כי דעתו שגבה מאד עד שכל בני אדם גדולים וקטנים יכולים לקבל את דעתו ולהאיר להלן יותר בחבריהם ותלמידיהם, כמבואר בהתורה הנ"ל שכל אדם יכול לקיים זאת להעמיד בנים ותלמידים וכו', עיי"ש. **וכמו שפעם אחת אמר רביז"ל לאיזה איש פשוט מאד**, שגם הוא יכול לעורר בני אדם אפילו הגדולים ממנו מאד לעוררם לעבודת ה' יתברך באמת, ואמר לו, **הלא עץ קטן שקורין שפענדילי יכול להדליק עץ גדול!** וכן ארז"ל: מה עץ קטן מדליק את הגדול, אף תלמידי חכמים וכו'.

אויב עס איז דא א הלכה אז מען דארף געבן מעשר פון 'געלט', אז פון וואס א מענטש פארדינט - גיב מעשר פאר השם יתברך, גיב פאר תורה, גיב פאר ארעמעלייט; אויב אזוי איז דאך אוודאי דא א דין אז מען דארף געבן מעשר פון 'זמן' - גיב א זמן פאר א צווייטן! גיב א חלק זמן! א חלק זמן! נעם אַן אונטערשטעליג בחור, לערן מיט אים, לערן מיט אים דעם שיעור אז ער זאל נאכער פארשטיין דעם שיעור, אז ער זאל נאכדעם גוט חזר'ן דעם שיעור, עס זאל אים צוהעלפן.

נישט נאר מען גיט אליין אוועק א שעה, נאר מען בעט א צווייטן חבר זאל אויך יענעם אוועקגעבן א שעה, אזוי האט ער אפאר שעה וואס מען לערנט מיט אים!

עס איז רעכט אז מען ראטעוועט יענעם לעולמי עד ולנצח נצחים!

אט דאס איז א זאך וואס איז א מצוה צו מעורר זיין. בכלל, א מענטש איז דאך אראפ אויף דער וועלט אלס א שליח. מען דרייט זיך דאך נישט דא קיין סאך. די סטרא אחרא רעדט איין אז מען איז דא עפעס באשאפן געווארן ווי גלייך מען לעבט טויזנט יאר לכל הפחות... מען דארף דאך דא אריינכאפן עפעס, א מענטש איז אראפ אלס א שליח אויפצוטון אויף דער וועלט, אויפצוטון פארן אויבערשטן, אויפצובויען און אויפצוטון פאר די תורה הקדושה, אט דאס איז דער צד הקדושה.

### קריגט זיך ווייטער...

איך זאג עס אלעמאל, אט דאס איז דער חילוק פון 'קדושה' צו 'טומאה'. כ'האב עס אמאל געזאגט ביי א 'שלום-בית' (פרשה). עס איז געווען א גרויסע מחלוקת, קומט דער אינגערמאן, נעמט מיר מיט א מאשין, פירט מיר אראפ ביי אים אין שטוב, איך מוז אויסהערן אלע טענות - עס איז געווען צוריק פאר צוואנציג יאר. שוין.

האב איך זיי געזאגט, "הערט זיך איין, איידער איך הער צו די טענות, וויל איך זאגן אפאר ווערטער". שוין, זיי זענען מוכן צו הערן.

האב איך זיי געזאגט, וואס איז 'קדושה' און וואס איז 'טומאה'? 'קדושה' איז, אז א מענטש איז אראפ אויף דער וועלט 'להשפיע' - פאר השם יתברך, פאר די תורה, פאר עַם ישראל, משפיע זיין רוחניות, משפיע זיין גשמיות, געבן, נאר געבן - איך בין אראפ א שליח אויף צו געבן.

איך דארף טאקע נעמען - אבער כדי איך זאל קענען געבן; כ'דארף האבן א גוטן קאפ, כ'דארף זיין געזונט, ווייל אויף צו געבן דארף מען נעמען - כדי צו קענען געבן; מען דארף משפיע זיין אויף צו געבן.

(די הרגשה פון א איד דארף זיין:) 'איך האב געגעבן אויף דער וועלט! איך האב געבויעט, איך האב אריינגעארבעט, איך האב אויפגעבויעט תורה ויראת שמים, אויפגעטון וואס מען קען, אויסגענוצט די שעות פאר השם יתברך, איך האב זיך משתתף געווען אין מלכות דקדושה אויף דער וועלט!' - אין דער וועלט איז תלוי אלע תיקוני עולמות!

**אט דאס איז קדושה – געבן!**

איך נעם אויף צו געבן.

'טומאה' איז פונקט פארקערט - גיב מיר, גיב מיר תאוות, גיב מיר גאוה, גיב מיר, גיב מיר, גיב 'עד תתמלא נפשו'. ער גיט אויך אמאל, נאר ער גיט אויף צו נעמען. ביידע גיבן.

עס שטייען משה מיט קרח'ן, צוויי מנהיגים, ביידע גיבן און ביידע נעמען. אבער משה זאגט: "**וְנַחְנוּ מָה**"[י], מען דארף אויפשטעלן א כלל ישראל, אַן אמונה הקדושה 'לעולמי עד' אז מען זאל דא ממליך זיין דעם אויבערשטן אז עס זאל זיך אויספירן אויף דער וועלט אזא מין תיקון אז עס זאל מתקן זיין אלע עולמות - וואס אזוי וועט זיין, "**כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה אֶת ה' כַּמַּיִם לַיָּם מְכַסִּים**"[יא] - אט דאס איז משה; ער אליין איז "ונחנו מה" - איך דארף גארנישט, איך בין א

---

**י.** שמות טז, ז'.

**יא.** ישעי' יא, ט'.

שליח למען שמו יתברך. למעשה, משה 'נעמט' און 'גיט', אבער ער **נעמט** אויף צו **געבן**.

קרח איז אויך א מנהיג, ער נעמט און ער גיט, אבער ער גיט אויף צו נעמען; אז ער וועט געבן - וועט מען דאך אים געבן כבוד... ער גיט, אבער ער גיט אויף צו נעמען.

דאס איז קדושה, און דאס איז טומאה.

האב איך זיי געזאגט, לפי זה איז אזוי, איר זאלט זיך ווייטער קריגן, אבער איר דארפט דאס איבערמאכן, קריגט זיך פארקערט ווי ביז ערשט; ביז איצט קריגט איר זיך, יעדער איינער טענה'ט אז יעדער איינער טוט פארן צווייטן מער ווי דער צווייטער טוט פאר אים, ער טוט פאר די שטוב, ער טוט פאר די ווייב, ער טוט פאר די קינדער - ער 'גיט' מער ווי ער 'נעמט'. איר זאלט טון פונקט פארקערט, יעדער איינער זאל וועלן 'געבן' מער ווי ער 'נעמט'.

**נישט 'נעמען' מער ווי מען 'גיט', נאר 'געבן' מער ווי מען 'נעמט' - אויף דעם זאלט איר זיך שלאגן...**

דאס הייסט, דער מאן זאל נישט אוועקגיין פון שטוב ביז ער שפירט אז ער האט געטון טובות מער ווי זי - אים. און די זעלבע זאך פארקערט. איר זאלט זיך ווייטער קריגן, אבער איר זאלט איבערבייטן דאס 'התתחרות', נישט אז יעדער איינער זאל וועלן 'נעמען', נאר יעדער איינער זאל וועלן 'געבן'.

שוין, אזוי האב איך געענדיגט. "יעצט בין איך מוכן צו הערן אלע טענות".

עס איז געווען שטיל...

עס איז נישט געווען קיין טענות, עס איז נישט געווען קיין טענות אינגאנצן. איך האב געמאכט א ברכה אויף א טיי, געמאכט א ברכה 'על המחיה', און אוועקגעפארן...

**ווער מען ראטעוועט דער צדיק פון גיהנום?**

עס איז א געוואלדיגער כלל; עס איז דא א **זוהר חדש**[יב], זאגט ער אַן אינטערסאנטע זאך; "**וַיֹּאמֶר מֶלֶךְ סְדֹם אֶל אַבְרָם, תֶּן לִי הַנֶּפֶשׁ, וְהָרְכֻשׁ קַח לָךְ**"[יג]. 'מלך סדום' דאס איז דער 'שר של גיהנום'. אברהם איז דער 'צדיק'. דער צדיק האט א כח אריינצוגיין און ארויסנעמען א מענטשן פון גיהנום! 'כוחו של צדיק'!

עס שטייט[יד] ביי רבי יוחנן, ווען ער איז נסתלק געווארן איז "**פסק קוטרא מקובריה דאַחֵר**" (- נפסק העשן מקברו של אחר). אַחֵר'ס קבר האט געטשאוועט (- געגאנגען א רויעך) כסדר, צו מרמז זיין אז ער ברענט אין גיהנום - אזוי עטליכע הונדערט יאר. האט רבי יוחנן געזאגט: "ווען איך וועל שטארבן - איך נעם אים ארויס!". בשעת רבי יוחנן איז נסתלק געווארן, איז טאקע 'פסק קוטרא מקובריה דאחר".

האט דער ספדן געזאגט בתוך הספדו: "**אפילו שומר הפתח [של גיהנום] לא עמד לפניך - רבינו!**". [בבואך להוציא אַחֵר משם. רש"י].

על-כל-פנים, דער צדיק קען ארויסנעמען מענטשן פון גיהנום!

איז, "ויאמר מלך סדום לאברהם, תן לי הנפש" - גיב מיר דעם 'נפש החוטאת' - ראטעווע זיי נישט. אין זוהר חדש דארטן איז דא א גאנצער שמועס צווישן דעם שר של גיהנום מיט אברהם אבינו. איז געבליבן צווישן זיי אז ער ראטעוועט זיי נישט, מען ראטעוועט נישט פון גיהנום. אויב מען האט געזינדיגט דארף מען גיין אין גיהנום.

ווער מען יא?

ווער מען ראטעווע איך יא? ווער מען לאז איך נישט אריין אין גיהנום? "**בִּלְעָדַי רַק אֲשֶׁר אָכְלוּ הַנְּעָרִים**" - די וואס האבן געגעבן צו עסן די נעָרים 'נהמא דאורייתא', די וואס האבן מקרב געווען נערים צום

**יב.** פר' לך.

**יג.** בראשית יד, כ"א.

**יד.** גמ' חגיגה טו ע"ב.

אויבערשטן, מען האט זיי געגעבן 'נהמא דאורייתא', זיי גיב איך דיר נישט!

אזא המתקה איז ווען איינער לערנט מיט א צווייטן און ער שיינט אריין יראת שמים אין א צווייטן!

אז איך בין ממשיך דעם שלשלת פון 'משה קיבל תורה מסיני ומסרה ליהושע', איז דאס אזא מין המתקה אז מען האט נישט קיין גיהנום!

אפילו עס קומט שוין גיהנום, גייט מען נישט אריין אין גיהנום!

דאס איז דער "לבד אשר אכלו הנערים" - די וואס האבן געגעבן צו עסן 'נהמא דאורייתא'.

"**וְחֵלֶק הָאֲנָשִׁים אֲשֶׁר הָלְכוּ אִתִּי**"; דאס זענען די וואס זענען געווען מקושר צום צדיק בהאי עלמא, זיי גיב איך דיר נישט! - א מפורש'ער זוהר חדש.

איך האב געקלערט, אונז וואס מיר ווייסן פון רבי'ן, און מען איז מקרב לבבות צו השם יתברך, בפרט אז מען שיינט יענעם אריין דיבורים פון רבי'ן, דיבורים פון התחזקות ווי אזוי זיך צו דערהאלטן אויף דער וועלט, איז דאך דא ביידע זאכן, "אשר אכלו הנערים", "ואשר הלכו אתי" - ביידע זאכן.

אט דאס האב איך נאר געוואלט מוסיף זיין אויף דעם ענין וואס רבי משה האט גערעדט פון דעם.

* * *

## אלץ שטייט אויף די פּאַדעשוועס

ערשטנס איז אזוי, אט דאס (- המבואר בהמשך) איז דער כלל וואס איז שייך צו רעדן פאר בחורים, און עס איז שייך כסדר צו רעדן די זאך, וויבאלד עס איז אזא וועלט וואס עס קאכט זיך אזויפיל ירידות

מיט אזויפיל עליות. בפרט בדור האחרון וואס "**בעיקבתא דמשיחא חוצפא יסגא**"[טו] [- אזוי זאגט אויך דער **אר"י הקדוש**[טז] און דער **זוהר**[יז]], און די סטרא אחרא איז זיך שטארק מתגבר, עס גייט איבער אויף א מענטשן אסאך ירידות מיט עליות. כמעט 'עלינו' – - אזוי ווי א מענטש שטייט אויף די עקביים, אזוי שטייט דער גאנצער בנין דקדושה אויף אונז - די עיקבתא, אויף די וואס האלטן זיך אין השם יתברך היינטיגע צייטן.

עס שטייט פון **אר"י הקדוש**[יח]: **מְעַט עבודת ה'** (בדור הזה) **איז חשוב ביי השם יתברך ווי** (די עבודה פון) **אמאליגע צייטן פון תנאים ואמוראים!**[יט].

ממילא, די זאך וואס עס איז שייך צו רעדן, און וואס מען דארף רעדן, איז דאס ענין פון זיך האלטן אין אלע ירידות און אין אלע עליות.

---

**טו.** גמ' סוטה מט ע"ב.

**טז.** עץ חיים שער ג', פ"ב.

**יז.** פר' נשא דף קכ"ט.

**יח.** עיין שער הגלגולים הקדמה ל"ח: פעם אחת שאלתי למורי ז"ל, איך היה אומר לי שנפשי היתה כ"כ מעולה כנ"ל, והרי הקטן שבדורות הראשונים היה צדיק וחסיד שאין אני מגיע לעקבו? ואמר לי, דע לך, כי אין גדולת הנפש תלויה כפי מעשה האדם, רק כפי הזמן והדור ההוא. כי **מעשה קטן מאד בדור הזה שקול בכמה מצות גדולות שבדורות אחרים** כי בדורות אלו הקליפה גוברת מאד מאד לאין קץ, משא"כ בדורות ראשונים.

**יט.** עיין ליקוטי הלכות הל' שבת ה"ז, אות מ"ג: **עיקר הבירור הוא בבחינת רגלין**, כי שם כל אחיזתם בבחינת רגליה יורדות וכו' כידוע. כי זה בחינת תוקף ההתגרות שמתגרה הבעל דבר עתה בדורות הללו מאד בכלל ובפרט. כי עתה הוא בעקבות משיחא בחינת רגלין ששם אחיזת הסטרא אחרא והקליפות מאד, **ועל כן צריכין לידע שעתה בדורות האלו כשמתגבר האדם בתנועה קלה לשוב לה' יתברך הוא יקר אצל השם יתברך הרבה מעבודות גדולות של דורות הראשונים, וכמובא כל זה בכתבי האר"י ז"ל ובדברי הבעל שם טוב ז"ל, ובפרט מדברי אדמו"ר ז"ל.** ועל כן עיקר קץ הגאולה הוא "**כד מטו רגלין ברגלין**" ויקויים "**ועמדו רגליו ביום ההוא**" וכו' כמובא כל זה הרבה בכתבי האר"י ז"ל.

**זיך פלוצלונג אפגעשטעלט...**

בדרך כלל איז דא אזוי, עס איז דא אַן 'אתערותא דלתתא', און עס איז פאראן אַן 'אתערותא דלעילא'. בשעת עס איז פאראן ביי אַן מענטשן אַן אתערותא דלעילא, עס קומט א שבת, עס קומט א יום טוב, עס קומט א זמן פון התחדשות, אדער מען באקומט אליין א התעוררות, דארף מען מנצל זיין דאס התעוררות פאר השם יתברך.

דער הייליגער רבי פלעגט קענען אמאל שטיין אויף איין פלאץ און אסאך וויינען און אסאך רעדן צום אויבערשטן. געשטאנען אויף איין פלאץ גוזמאות פון זמן.

וואס איז?

ער האט באקומען עפעס א הברקה מלמעלה, א התעוררות, האט ער נישט געלאזט דאס התעוררות אריבערגיין לְרִיק, מען האט עס אויסגעבעטן, מען האט עס אויסגעארבעט אז עס זאל זיין קביעא וקיימא, אז די קדושה זאל נישט נאבד ווערן. אז ער האט באקומען מלמעלה א התנוצצות פון גדלות הבורא, קען דאך דאס אוועקגיין, דארף מען עס ארייננכאפן[כ].

אט דאס איז א געוואלדיגע זאך, אז מען האט א זמן פון א התעוררות, מוז מען עס מנצל זיין.

**כ.** עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' קכ"ד: שמעתי בשמו שאמר, שלפעמים מגיע לאדם הרהור תשובה והשתוקקות להשם יתברך באיזה מקום, שצריך שם באותו המקום דייקא להתחזק בזה ההרהור תשובה וההשתוקקות, כגון לדבר שם איזה דיבורים של תחינות ובקשות או דברי השתוקקות בפה ובלב כפי הענין, ולא ימתין **ולא יזוז ממקומו**, אף על פי שאין זה המקום מוכן לכך, כגון שלא במקום קביעות לתורה ותפלה, רק בדרך הילוכו וכיוצא. כי כשיזוז ממקומו, יכול להיות שיפסק. **וכן ממנו ז"ל בעצמו ראינו ענין כזה כמה פעמים**, שלפעמים נשאר עומד באמצע הבית, ודיבר עמנו וגילה לנו תורה נפלאה ושיחה נאה מאד, וגילה דרכים נפלאים לעבודת השם יתברך והתעוררות גדול וכו', ולא רצה לזוז ממקומו, עד שגמר מה שרצה, וכן היה כמה פעמים.

## געשטארבן צוזאמען אין דער זעלבער צייט

איך זאג אלעמאל איבער, עס ווערט געבראכט[כא], ריש לקיש איז געוועזן קודם א גזלן. ער איז מקורב געווארן ווייל ער האט געזען רבי יוחנן, וואס ער איז געוועזן זייער א שיינער מענטש, ווען ער האט זיך געבאדן ביים ירדן. האט ער איבערגעטאנצט דעם ירדן צו זען רבי יוחנן. האט רבי יוחנן געזען זיין גבורה, האט רבי יוחנן געזאגט: "**חֵילָךְ לְאוֹרַיְתָא**"! דו הערסט? דו ביסט דאך אזא גיבור, גיב עס אוועק פאר השם יתברך! "חילך לאורייתא"!

רבי יוחנן האט אים גענומען, און ריש לקיש האט טאקע גענומען זיין גרויסע גבורה און האט עס אריינגעגעבן אין דער תורה הקדושה. די גמרא זאגט דאך[כב]: "**הרואה את ריש לקיש בבית המדרש כאילו עוקר הרים וטוחנן זה בזה**". ער האט מקיים געוועזן 'חילך לאורייתא', אלץ וואס ער האט פארמאגט האט ער געגעבן פאר דער תורה הקדושה.

איז ווערט געבראכט[כג], בשעת ריש לקיש איז מקורב געווארן צו רבי יוחנן, זענען געוועזן מיט אים נאך צוויי גזלנים - זיינע 'תלמידים' - ער איז דאך געוועזן א ראש הגזלנים. ער איז מקורב געווארן צו רבי יוחנן, און זיי - נישט. איז בשעת ריש לקיש איז געשטארבן, זענען זיי אויך געשטארבן.

אין בית-דין של מעלה זענען זיי ארויף אלע דריי. האבן זיי געגעבן א קוק וואס עס טוט זיך מיט ריש לקיש'ן, וואס די וועלט קערט זיך מיט ריש לקיש'ן, וואס עס שטייט אלץ אויף ריש לקיש'ן, ער איז דאך צוגעקומען אויף א דרגא - נישט קיין תלמיד פון רבי יוחנן, נאר א חבר פון רבי יוחנן.

---

**כא.** גמ' בבא מציעא פד ע"א.

**כב.** סנהדרין כד ע"א.

**כג.** פרקי דר"א פרק מ"ב.

ווערט געבראכט, פארוואס האט מען זיי עס אזוי געמאכט? ווייל א חוץ פון זייערע עוונות האבן זיי געדארפט כאפן קלעפ פאר נאך א זאך: **איר האט געהאט א הזדמנות! איר האט געהאט א הזדמנות בשעת ריש לקיש איז מקורב געווארן! פארוואס האט איר נישט אויסגענוצט דאס הזדמנות אויך צו מקורב ווערן?!**

אז א מענטש האט מלמעלה א התעוררות, דארף ער עס מנצל זיין!

אט דאס איז אַן ענין פון אַן התעוררות דלעילא.

## אַן אייגענע התעוררות - גאר עפעס אנדערש!

אבער מצד שני איז דא אַן ענין פון אַן 'התעוררות מלתתא'; אט דאס איז שוין זייער א גרויסע זאך, אז א מענטש איז זיך אליין מעורר אינמיטן א טאג, ער איז זיך מעורר - **'על מה אתינא להאי עלמא שפילה?!'**

די וועלט איז אַן עולם עובר, פארוואס דריי איך זיך אזוי?!

פארוואס בַטל איך אזוי?!

וואס וועט זיין מיין תכלית?!

אז ער איז זיך מעורר, ער נעמט זיך צו לערנען, ער נעמט זיך צו דאווענען, אט דאס איז א באזונדערע ענין (- חשיבות מיוחד).

עס שטייט פון **בעל-שם-טוב**[כד]: **"אִשָּׁה כִּי תַזְרִיעַ וְיָלְדָה זָכָר"**. "אשה" איז מרמז אויף 'אתערותא דלתתא'. "וילדה זכר" - דעמאלס

---

**כד.** עיין ספר כתונת פסים פר' קדושים, וז"ל: ולבאר "אשה כי תזריע וילדה זכר", ודרשו חז"ל אשה מזרעת תחילה - יולדת זכר, ואם איש מזריע תחילה - יולדת נקבה. ונראה דיש שני מיני תשובה: א' - אדם המתחיל בתשובה ואחר כך מסייעין לו מלמעלה, כמו שכתב הט"ז באורח חיים ריש סי' א'. ב' - שאינו מתחיל כי אם על ידי סיוע מלמעלה, וכמו שדרשו חז"ל (בסוף מדרש איכה רבתי) שזה הוויכוח בין הקדוש ברוך הוא ובין כנסת ישראל,

גייט אראפ א גרויסע שפע מלעילא. פארוואס? ווייל ער האט געמאכט אַן אתערותא דלתתא. 'זכר' איז מרמז אויף 'רחמים'.

קומט אויס, עס איז גאר אַן אנדער סארט שפע בשעת עס איז געווען מתוך אתערותא דלתתא.

די **גמרא** זאגט[כה], אז מען מאכט א מענטשן א נס, איז "**מנכין לו מזכיותיו**". זאגט דער **מהרש"א**[כו], דאס איז אלץ אָן תפילה; אבער טאמער האט ער תפילה געטון, קען דער אויבערשטער טון דעם גרעסטן נס און מען איז נישט מנכה מזכיותיו. פארוואס? ווייל אז ער האט געבעטן - 'רבונו של עולם, גיב אכטונג, גיב אכטונג אויף מיר!' - אז דו האסט געבעטן און איך האב אכטונג געגעבן אויף דיר – אפילו דער גרעסטער נס איז נישט 'מנכה מזכיותיו'.

זעט מען, אַן אתערותא דלתתא איז גאר א געוואלדיגער ענין.

## מען קען זיך באנייען

ממילא, עס ווערט ערשט ראש חודש כסלו, עס איז שוין אריין א חודש אין זמן. אוודאי, דער אנהויב זמן מאכט א התעוררות זיך צו נעמען צום לערנען. ערשט דארף אבער מען אליין מאכן א התעוררות זיך צו נעמען צום לערנען. עס איז א נייער חודש, דארף מען זיך אליין מעורר זיין אינמיטן זמן[כז].

---

כי הקדוש ברוך הוא אומר (זכריה א') שובו אלי ואשובה אליכם, ר"ל שיהיה האדם המתחיל בתשובה וה' יגמור בעדו לטובה, והבא לטהר מסייעין לו (יומא לח ע"ב) לכך נאמר שובו אתם תחילה, וכנסת ישראל משיבה אין בנו כח להתחיל, אלא (איכה ה') השיבנו ה' אליך ונשובה, שהשם יתברך יהיה המתחיל ע"ש. והנפקותא בין **אם האדם הוא המתחיל תחילה, אז אשה מזרעת תחילה וילדה זכר רחמים**. מה שאין כן אם מתחיל מלמעלה על ידי הצרות ח"ו, הוא נקבה, והבן, וכעין זה שמעתי ממורי.

**כה.** תענית כ' ע"ב.

**כו.** על מס' קידושין דף כט ע"ב ד"ה אפשר דאתרחש ניסא.

**כז.** עיין ליקוטי הלכות הל' ר"ח ה"ו אות י"ז: וכל זה בחינת קדושת ראש חודש שנקרא **ראש חדש על שם ההתחדשות** של ישראל. וכמו שאומרים בברכת הלבנה: וללבנה אמר

עס איז אריבער א חודש; כאטש א חודש איז אריבער - מען קען זיך באנייען! מען קען זיך מחדש זיין איבער א נייעס, זיך מחדש זיין!

עס איז טאקע א חודש פון חנוכה![כח]

## די גרעסטע שמחה

די גאנצע חנוכה איז מרמז אז עס האט זיך מתגבר געווען די קליפה פון די יוונים וואס רופט זיך "חושך" - א חושך. עס ווערט געבראכט[כט], "**תֹהוּ, וָבֹהוּ, וְחֹשֶׁךְ, עַל פְּנֵי תְהוֹם**"[ל], דאס איז מרמז אויף די פיר סארטן גליות'ן; און "חושך", דאס איז די (קליפת) 'יוונים'.

די גאנצע שפע וואס איז געווען די שפע פון חנוכה, איז געווען אַן אתערותא דלתתא - מען האט געדארפט מסירות נפש; אַן אתערותא דלתתא פון מסירות נפש ברוחניות, מסירות נפש בגשמיות, דורכדעם איז געקומען די אתערותא דלעילא.

---

שתתחדש וכו'. שהם עתידים להתחדש כמותה וכו'. ועל כן שורש התשובה הוא ראש חדש, (כמו שמבואר בסימן י' ח"א), כי עיקר התשובה על ידי ההתחדשות כנ"ל.

**כח.** עיין ליקוטי הלכות הל' חנוכה ה"ז: וזה בחינת **חנוכה**, כי זה עיקר **החינוך** בעבודת ה' - **מה שמתחילין בכל פעם מחדש, ואפילו אם הוא זקן גדול**, אף־על־פי־כן אסור להחזיק עצמו לזקן כאילו כבר אפס תקוה ח"ו, רק עד יום מותו יתחיל בכל פעם מחדש, כנ"ל. גם עיי"ש הל' בשר בחלב ה"ד, ט"ו: וזה בחינת **חנוכה**, כי חנוכה לשון **חינוך והתחלה**. היינו שעל ידי מצות חנוכה אנו זוכין להמשיך עלינו עזות דקדושה באופן שנזכה להתחזק בעבודת ה' תמיד. **והעיקר להתחיל בכל פעם מחדש, שזהו עיקר שם חנוכה**, שתהיה העבודה תמיד בבחינת חינוך והתחלה, כאילו היום הוא מתחיל להתחנך בעבודת ה'. וזה בחינת **נר חנכה מוסיף והולך**, שצריכין להתחיל בכל פעם מחדש, שעל ידי זה מוסיפין והולכין תמיד בעבודת ה' בתוספת מרובה, מאחר שמתחזק בכל יום בהתחזקות חדש, בהתחלה חדשה, בהתעוררות חדש.

ועיין באוסף אמרים (חנוכה מאמר ג') וז"ל מורינו הגה"צ שליט"א: ימי החנוכה עיקרם חינוך והתחדשות. והלא כל ענין רבינו הוא התחדשות, להתחדש תמיד שוב ושוב, לפי שהבלי העולם משכחים מהאדם מלזכור תכלית בואו לעולם הזה, לכן מוטל עלינו להתחדש תמיד בזכירה למאי אתינא לעלמא דא, לבל נישן ימינו ושנותינו, וכל שכן בחנוכה, זמן החינוך וההתחדשות.

**כט.** בראשית רבה פר' ב', פס' ד'.

**ל.** בראשית א', ב'.

מען זעט טאקע אויך אַן אינטערסאנטע זאך; חנוכה איז דא א מחלוקת[לא] פון בית שמאי מיט בית הלל, צו 'מוסיף והולך' - צו 'פוחת והולך'; צו מען צינדט נאר איין ליכט דעם ערשטן טאג, און מארגן צוויי, און איבערמארגן דריי, און נאכער פיר, און נאכער פינף - ביז אכט - אזוי זאגן די בית הלל. און בית שמאי זאגן פארקערט, די ערשטע נאכט - אכט, נאכער - זיבן (וכו'). הכלל, מוסיף והולך, צו פוחת והולך. עס איז דא אסאך רעיונות וואס איז די סברות פון דעם. די גמרא אליין זאגט דאך אויך.

האב איך געקלערט, וואס איז דער טעם פון בית הלל מיט דער טעם פון בית שמאי. ווייל אינאמת'ן, וואס האבן מיר געטון? מען האט געהאט מסירות נפש און מען האט אנגעצינדן איין ליכטל במסירות נפש - איין ליכט אנגעצינדן, און בכח דאס מסירות נפש האט דער אויבערשטער געמאכט אז דאס האט געברענט אכט טעג - דאס איין ליכטל. דאס הייסט, בכח דאס איין ליכטל האט מען נאכדעם אנגעצינדן צוויי, און איבערמארגן דריי (וכו').

דאס הייסט, בכח דאס 'אתערותא דלתתא' איז געווארן אַן אתערותא דלעילא.

איז בית שמאי זאגן, די ערשטע זאך, דער כבוד איז, דאס 'אתערותא דלעילא' - 'זעה, דער אויבערשטער האט מיר געגעבן אכט!' ער האט געמאכט פון איין ליכט - אכט!

די בית הלל זאגן - ניין, די שמחה איז דאס וואס מיר האבן געמאכט איינס - אט דאס איז די שמחה! אונזער 'אתערותא דלתתא' - אט דאס איז די גרעסטע שמחה. אַן אתערותא דלתתא איז א געוואלדיגע זאך[לב].

---

**לא.** גמ' שבת כא ע"ב.

**לב.** עיין אוסף אמרים (חנוכה מאמר ז') וז"ל מורינו הגה"צ שליט"א: כמה מעיינות של חיזוק נמשכים מנרות החנוכה ומהלכותיה: אם אי אפשר להדליק מבחוץ, אפשר להדליק מפנים,

## זיך געבעטן מען זאל אים מספיד זיין

מען האט געגרעדט פריער פון מקרב זיין מענטשן צו השם יתברך. דער כלל איז, אז מען קומט ארויף אויף יענער וועלט קען מען גארנישט טון; וויפיל מען האט געטון פאר השם יתברך דא, מיט דעם לעבט מען למעלה 'לעולמי עד ולנצח נצחים' - 'לא פחות ולא יותר'! וויפיל מצוות מען האט געטון, וויפיל שבירת היצר, וויפיל עבודת השם, אזויפיל לעבט מען לעולמי עד ולנצח נצחים!

לא פחות ולא יותר!

מען קען גארנישט מוסיף זיין!

די צדיקים האבן געבעטן רחמים אז מען זאל זיי מספיד זיין, אזוי שטייט[לג], רַב האט געזאגט פאר רב שמואל בר שילַת: **"אַחֵים בְּהֶסְפֵּדָאִי, דְּהָתָם קָאֵימְנָא"** [- בשעת מיתתי התאמץ בהספד שלי - שיתחממו ויכמרו רחמי העומדים ויבכו. רש"י]. פארוואס? זיי מעורר מיינע מעשים אויף דער וועלט ווייל איך בין שוין נישטא, איז מאך א התעוררות, וועלן מענטשן דינען דעם אויבערשטן, וועל איך עפעס ווייטער זיין אויף דער וועלט[לד].

עס איז טאקע אַן אינטערסאנטע זאך; רַב האט געהאט צען מידות[לה], ער האט נישט ארויסגעקוקט פון זיינע ד' אמות קיינמאל

---

אם אי אפשר להיות מהדרין מן המהדרין, נוהגים כמהדרין, ואם גם זה אינו שייך, מדליקים נר איש וביתו, ופתילות ושמנים שאמרו חכמים אין מדליקין בהם בשבת, מדליקין בחנוכה, שיתחזק האדם תמיד, שעל אף שהשמן נראה כפי מה שנראה, והפתילה נראית כפי מה שנראית הרי הוא מקיים המצוה, ואף אם כבתה, אעפ"כ אין זקוק לה, והיינו שגם אם לקח האדם שמנים ופתילות שאינם כשרים בשבת והדליקו בפנים, וכבתה, אעפ"כ יצא ידי חובתו, לפי שהדליק את הנרות, וזהו האור העצום שהאיר רבינו, שיתחזק האדם תמיד: רק הדלקת את הנרות – ה' עמך! ובכח זה בידינו להתחזק בכל מיני ההסתרות.

**לג.** עיין גמ' שבת קנג ע"א.

**לד.** עיין דרושי הצל"ח - אהבת ציון - דרוש שישי.

**לה.** נזכר בתשובת הגאונים הנקרא שערי תשובה, סי' קע"ח.

- כסדר געהאט אראפגעלאזט די אויגן - נישט ארויסגעקוקט פון זיינע ד' אמות. און ער האט קיינמאל נישט גערעדט קיין שיחה בטילה. און ער האט געהאט א שיינער קול - ער איז כסדר געשטאנעןביים עמוד צו מכבד זיין את ה' מהונך.

ער האט געהאט אפשר א צען תלמידים - נישט צען, נאר פופצן צו צוואנציג - ווייל יעדע מידה האט איבערגענומען איינער צו צוויי צו דריי, וואס יעדער איינער האט זיך דערמאנט אין רַב'ס מעשים און האט איבערגענומען אט די עבודה צו מקיים זיין אלע יארן.

רב ששת איז געווען פון די וואס האבן איבערגענומען נישט ארויסצוקוקן פון די ד' אמות, אבער עס איז אים געווען זייער שווער, ער האט עס נישט געקענט אויספירן, האט ער געבעטן דעם אויבערשטן ער זאל ווערן בלינד, כדי רַב'ס עבודה - נישט ארויסצוקוקן פון ד' אמות - זאל נישט בטל ווערן!

## ווייטער דינען דעם אויבערשטן פון יענער וועלט

ממילא, אז מען איז מקרב מענטשן צום אויבערשטן, איז אפילו אויף יענער וועלט - איך האב איינגעזייעט א בוים, עס גייט פירות, איך דין ווייטער[לו].

**לו.** עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ז' אות ד': ואפילו כשמגיע זמנו להסתלק, והנשמה עולה ומתדבקת במקום שעולה בעולמות עליונים, אין זה תכלית ושלימות שתהיה הנשמה רק דבוקה למעלה. רק **עיקר השלימות של הנשמה היא, שבעת שהיא למעלה תהיה למטה גם כן.** על כן צריך שישאיר אחריו ברכה, בן או תלמיד, כדי שישאר דעתו למטה גם כן בעת שנסתלק למעלה ... כי מי שיודע קצת בידיעתו יתברך, הוא יודע שעיקר התענוגים והשעשועים של השם יתברך הוא רק שאנחנו מעולם הזה השפל נגדל ונקדש שמו יתברך, וזהו עיקר התענוגים והשעשועים של השם יתברך, כמו שכתוב: "ואבית תהילה מגושי עפר מקרוצי חמר" וכו'. **כי השם יתברך יש לו שרפים וחיות ואופנים ועולמות עליונים, שהם עובדים אותו יתברך, ואף על פי כן עיקר התענוג והשעשוע שלו כשעולה למעלה העבודה של עולם השפל הזה.** ועל כן צריכין להשאיר אחריו בן או תלמיד, כדי שישאר דעתו למטה, שיאיר בבני עולם הזה השפל. כי כשנשאר דעתו למטה

אויף דעם האט דוד המלך געזאגט: "**אָגוּרָה בְאָהָלְךָ עוֹלָמִים**"[לז] - 'רבונו של עולם, איך וויל זיין ווייטער אויף דער וועלט!'[לח] - דאס גייט ארויף אויף דעם תהלים וואס אידן זאגן עד היום הזה שירות ותשבחות און זענען מעלה דעם כבוד פונעם אויבערשטן בכח דוד. איז דוד מלך ישראל חי וקיים, ער לעבט היינט, ווייל ער דינט היינט דעם אויבערשטן פון דער וועלט!

דארטן קען מען שוין נישט דינען דעם אויבערשטן. אבער אז מען איז מקרב אידן צום אויבערשטן, איז אפילו לאחר מאה ועשרים שנה בלייבן די עבודות אויף דער וועלט, איז מען 'חי וקיָם'; פארוואס? ווייל מען דינט דעם אויבערשטן ווייטער פון דער וועלט (על ידו); דער עיקר עבודה איז, פון דער וועלט[לט].

## מעלת ויקרת התעוררות קטן העולה מזה העולם

דערפאר איז דא טאקע קעגן חנוכה א שיינע רעיון; וואס איז דער ענין צו 'מוסיף והולך' - צו 'פוחת והולך'? נאר עס איז פארהאן א כלל אזוי; עס איז פארהאן א שֵׁם: י', י"ק, יק"ו, יקו"ק (- בחינת 'מוסיף והולך'). [אז מען וויל מאכן דעם יקו"ק מיט אדנ"י צוזאמען, גייט עס אזוי: י', י"א, יא"ק (וכו')]. איז דער **אר"י** זאגט[מ], דער סוד פון דעם שם איז אזוי, למעלה איז דער אור גאר גרויס - איז דאס דער

---

על ידי בן או תלמיד, **נחשב כאילו הוא בעצמו ממש נשאר בעולם**. וכל אדם יכול לקיים זאת, וכו' עיין שם בפנים.

**לז.** תהלים סא, ה'.

**לח.** עיין מדרש תהלים מזמור א'.

**לט.** עיין חיי מוהר"ן אות תר"ב: וזהו (יהושע א) "ויהי אחרי מות משה עבד ה', שגם 'אחרי מות משה' היה עובד ה'. **כי משה עובד ה' גם עתה אחרי מותו**, כי הוא עוסק **להעלות נשמות הנפולות להשם יתברך**. ועיין בליקוטי א' סימן רט"ו שם מבואר גם־כן שמשה גם עתה לאחר מותו הוא עוסק להעלות ולתקן נפשות להחזירם בתשובה ולעשות גרים.

**מ.** מובא הרבה בכתבי האריז"ל.

גאנצער שם, נידריגער - א קלענערע שם, נאך נידריגער - אונטן ממש איז נאר דא איין אות. אט דאס איז דער כלל.

ממילא איז אזוי, אז מען מאכט א התעוררות אויף דער וועלט פאר השם יתברך - דא איז דאך אַן עולם ההעלם - ווערט למעלה א גרעסערע התעוררות, און נאך מער העכער - א גרעסערע התעוררות, ביז אויבן ווערט א שרעקליכע התעוררות - און דאס אלץ ווערט געטון דווקא פון דער וועלט[מא].

ממילא, אט דאס איז דער מחלוקת פון בית שמאי מיט בית הלל; וואס איז די שמחה, דאס גרויסע התגלות וואס איז דא דארטן - די אכט ליכט, צו די קליינע התגלות וואס איז דא דא? איז בית שמאי זאגן, די שמחה איז - די גרויסע התגלות וואס איז דא דארטן. בית הלל זאגן - ניין, דאס ביסל התגלות וואס איז דא דא - דאס איז חשוב'ער ווי דאס התגלות וואס איז דא דארטן, ווייל דער עיקר איז מהאי עלמא![מב].

---

**מא.** עיין ליקוטי מוהר"ן סי' כ"ד, אות ג': וכשאדם עושה איזה מצוה, יש כח בהמצוה לילך **ולעורר כל העולמות** לעבודת השם יתברך. גם עיין ליקוטי הלכות הל' מנחה ה"ז, אות פ"ד: **ועל כן יקר וחשוב מאד אצל ה' יתברך כל התעוררות והתעוררות של כל אדם מכל מקום שהוא.** וכמובא הרבה בדברי רבותינו ז"ל בגמרא ומדרשים שה' יתברך מבקש מישראל פתחו לי כמחט סדקית ואני אפתח לכם וכו'. כי תיכף שהאדם מתעורר בתפלה ועבודה באמת כל שהוא, מתעורר תיכף אתערותא דלעילא הרבה, כי הבא לטהר מסייעין אותו. ועל ידי זה יש לו כח להתעורר עוד, וכמו כן נמשך אתערותא דלעילא יותר וכו'. וזה עיקר בחינת היחודים הנעשים מכל התפילות והעבודות שהוא מה שמתייחד אתערותא דלתתא עם אתערותא דלעילא וכו' כמובן בכונות.

**מב.** עיין ליקוטי הלכות הל' פריה ורביה ה"ג, אות ח': ועל כן ברא את כל העולמות עד עולם השפל הזה שבו אחיזת היגון ואנחה, וכשזוכין להכיר אותו יתברך בזה העולם ולשמוח בו בזה העולם השפל והמגושם, בבחינת ישמח ישראל בעושיו, אזי השמחה גדולה מאד מאד גם אצלו יתברך, בבחינת ישמח ה' במעשיו, 'במעשיו' דייקא, כי **עיקר הגדלת השמחה הוא כשעולה השמחה מזה העולם העשיה הגשמי** שיש בו אחיזת היגון ואנחה, כי זה עיקר שלימות וגדולת השמחה.

## לאָז זיך נישט אָפּנאַרן!

דער גאנצער יסוד פון ברסלב איז - **'על מה אתינא להאי עלמא'?!** [מג]

**צו וואס דריי איך זיך אויף דער וועלט?!**

ווי איז מען ממלא די טעג מיט תורה מיט תפילה?!

ווי גיב איך אכטונג אז דער בעל דבר זאל מיך נישט בארויבן אויף דער וועלט?! ער זאל מיך נישט אפּנאַרן! [מד]

מען דרייט זיך נישט דא קיין סאך; גיט א קוק - מען דרייט זיך נישט קיין סאך דא, די וועלט איז אַן עולם עובר; ווי איז מען זוכה צו אריינכאפּן און צו ממלא זיין דער וועלט מיט תורה מיט תפילה?! אט דאס איז איינע פון די יסודות!

דאס איז איינע פון די יסודות!

## כאפּ אריין 'היינט'!

מיר האבן היינט געלערנט אין דער תורה פון יעקב מיט עשיו'ן,ביידע די זעלבע זאך, די זעלבע עדשים. יעקב האט געקאכט די עדשים להתאַבל. עדשים האט נישט קיין פה, צו מרמז זיין - איך פרעג נישט קיין קשיות אויפן אויבערשטן[מה] - אברהם אבינו איז

---

**מג.** עיין ספר דורשי יחודך - יסודי היהדות, מאמר א', שם באמצע השיחה, וז"ל מורינו הגה"צ שליט"א: **רבי לוי יצחק** (בענדער, ע"ה) זאגט, דאס איז געווען אזוי איינגעבאקן ביי אונזערע לייט [- מען האט דאס איינגעבאקן דורך התבודדות, דורך דיבורים] - אז ווען צוויי ברסלב'ער חסידים פלעגן זיך טרעפן אין גאס, פלעגט מען צוגיין איינער צום אנדערן און מען פלעגט רעדן פון תכלית! ער זאגט, דאס איז געווען א 'דבר רגיל' [– עס איז אליין געווארן], אז כמעט מען האט געמיינט אז דאס איז א תקנה! - אזוי שטארק איז דאס געווען! אז מען זעהט א ברסלב'ער חסיד, רעדט מען פון תכלית; **מען זאל נישט פארגעסן פארוואס מען איז דא אויף דער וועלט!**

**מד.** עיין ליקוטי הלכות שם אות ל"ד: כמו שאמר רביז"ל בזה הלשון: **את זה תקבלו ממני שלא תניחו עצמכם להטעות בזה העולם, כי העולם הזה מטעה אותנו לגמרי** (עי' שיחות הר"ן נ"א).

**מה.** עיין גמ' בב"ב טז ע"ב.

אוועקגעגאנגען - דער אויבערשטער ווייסט וואס ער טוט! עס איז דא נאך א וועלט, עס איז דא א נצחיות - רעד נישט! פרעג נישט! דער אויבערשטער ווייסט וואס ער טוט. אבער עשיו, **"לֹא יַחְפֹּץ כְּסִיל בִּתְבוּנָה כִּי אִם בְּהִתְגַּלּוֹת לִבּוֹ"!**[מו] תאוות, עדשים, נישט מער[מז].

מען זעט טאקע אַן אינטערסאנטע זאך, אלע שבועות וואס מען געפינט אין דער תורה איז געווען מיט א (חפץ של) מצוה, אזא סארט זאך. קומט טאקע אויס, אזא שבועה פון **"שִׂים נָא יָדְךָ תַּחַת יְרֵכִי"**[מח], צו דעם דארף מען דאך זיין א 'צדיק יסוד עולם' (- קדושת הברית). עס ווערט טאקע געבראכט, ביי אליעזר'ן שטייט: **"הַמֹּשֵׁל בְּכָל אֲשֶׁר לוֹ"**. זאגט דער **מדרש**[מט]: **"המושל ביצרו כמותו"**. קומט אויס, וויבאלד ער איז געווען 'מושל ביצרו', דערפאר האט ער געקענט מאכן א שבועה ביי דער מצוה פון "שים נא ידך תחת ירכי"; נישט יעדער איינער קען. על-כל-פנים, א שבועה איז געווען נאר ביי א מצוה.

איז יעקב האט געהייסן עשיו'ן 'שווערן' **"מִכְרָה 'כַיּוֹם' אֶת בְּכֹרָתְךָ לִי"**[נ]; ביי דיר איז דאך דא נאר דער טאג (- עולם הזה), איז 'שווער' אין דעם טאג. וואס קען איך דיר הייסן שווערן? ביי דיר איז דאך נאר דא דער טאג, אין דעם האסטו דאך בוחר געווען, איז **"הִשָּׁבְעָה**

---

**מו.** משלי יח, ב'.

**מז.** עיין ליקוטי הלכות הל' פקדון ה"ד, אות י"ט: **יעקב בחינת כלל ישראל מאמינים שעיקר החיים הוא לעתיד שנזכה לחיים נצחיים על ידי התורה והמצוות** שעל ידי זה מקשרין הכל לשרשו שהוא עיקר החיים לנצח. אבל עשו לא האמין בזה ואמר שהולך למות מיתה עולמית ולמה זה לי בכורה שהוא בחינת השכל, בחינת עבודת הקרבנות לקשר הכל לשרשו, כי כפר בזה מחמת תאות לבו כי **לא יחפוץ כסיל בתבונה**, ועל כן אמר יעקב, **מכרה כיום את בכורתך לי** כדי שלא ישאר לעשו שום אחיזה בקדושת השכל. ואז זכה יעקב לבכורה שהוא השכל.

**מח.** בראשית כד, ב. עיין רש"י שם: **תחת ירכי** - לפי שהנשבע צריך שיטול בידו **חפץ של מצוה** כגון ספר תורה או תפילין (שבועות לח:). והמילה היתה מצוה ראשונה לו ובאה לו ע"י צער והיתה חביבה עליו ונטלה.

**מט.** בראשית רבה פר' נט, פס' ח'.

**נ.** בראשית כה, ל"א-ל"ג.

**לִי כַּיּוֹם**". די שבועה איז אין דעם "כיום" - אין דיין זאך וואס דו האלסט.

עס ווערט טאקע געבראכט, יעדע זאך קען מען אויסניצן 'לטובה' און 'לרעה'; ביי א רשע איז דער טאג - אזוי ווי עס איז פארהאן א פסוק[נא]: "**אָכוֹל וְשָׁתוֹ - כִּי מָחָר נָמוּת**" - נאכדעם שטארבט ער; כאפ אריין תאוות, עס איז גארנישט, די וועלט איז גארנישט, דערווייל כאפ אריין, זינדיג רחמנא ליצלן.

ביי א צדיק איז פונקט פארקערט, "**הַיּוֹם אִם בְּקֹלוֹ תִשְׁמָעוּ**"[נב] - היינט! היינטיגער טאג![נג] אויב מען גייט נישט היינט אריינכאפן, איך וועל היינט נישט לערנען, איך וועל היינט נישט דאווענען, האב איך גארנישט! אריינכאפן! אריינכאפן! ממש! דאס איז כמעט די זאך פון "חטוף ואכול"![נד].

---

**נא.** ישעי' כב, י"ג.

**נב.** תהלים צה, ז'.

**נג.** עיין ליקוטי הלכות הל' פקדון ה"ד, אות ה': אסור להאדם לדחות את עצמו מיום ליום, רק לידע היטב שזה היום לא יהיה לו עוד כל ימי חייו, כי יום האחר הוא ענין אחר לגמרי והלואי שיפרע בזמנו שיזכה למחר לצאת ידי חובתו מה שצריך לפרוע לה' יתברך חובת הזמן של יום מחר בעצמו. אבל על כל פנים חלילה להטעות את עצמו לדחות מיום ליום. וכמו שכתב אדמו"ר ז"ל על פסוק "**היום אם בקולו תשמעו**", שעיקר העבודה מי שרוצה לשמוע בקולו יתברך ולדבקה בו העיקר הוא שידע **שהעיקר הוא היום - היום דייקא** וכו', כמבואר שם (בליקו"מ סימן ער"ב עיין שם).

**נד.** עיין גמ' עירובין דף נד ע"א: אמר ליה שמואל לרב יהודה שיננא, **חטוף ואכול**, חטוף ואישתי, דעלמא דאזלינן מיניה כהילולא דמי. [וברש"י שם: חטוף אכול - אם יש לך ממון להנות עצמך, אל תמתין עד למחר שמא תמות ושוב אין לך הנאה. כהילולא דמי - היום ישנו ולמחר איננו, דומה לחופה שהולכת מהר]. גם עיין עלים לתרופה (מכתבי מוהרנ"ת) במכתב מיום ב' חוקת תקצ"ו, מש"ש בזה"ל: ועתה בני חביבי חזק ואמץ, ושמח נפשך בכל מה דאפשר, וחטוף ואכל, **חטוף ואכול אכילה ושתיה ומלבושים של תורה ותפילה ומצוות**, וזכור היטב מה שכתב רביז"ל (שיחות הר"ן כ"ג): אשרי מי שאוכל כמה פרקים משניות ושותה כמה קאפיטליך תהלים, ומתלבש בכמה מצוות. כי חוץ מזה הכל הבל, ומה יתרון לאדם בכל עמלו וכו', **ואם כי הוא דבר ידוע לכל, צריכין לחזור זאת בכל יום ולשמור הזכרון היטב לזכור בעלמא דאתי בכל יום** בכלל ובפרט (עי' ליקו"מ סי' נ"ד).

**'ובתורתו יהגה'**

הכלל, מען זאגט אלעמאל, עס איז גוט אז מען האט סדרים, מיט אלצדינג. עס איז אבער דא א גוטע עצה. מען מאכט זיך דאך אלעמאל סדרים, מען דארף דאך כסדר מאכן סדרים, מען דארף זיך באנייען אין סדרים. איז דא א עצה וואס עס קען זיין א גוטע טעכנישע עצה, מען זאל נעמען א לימוד, איין לימוד, א לימוד וואס מען וויל, משניות, צו שולחן ערוך, צו עין יעקב, א לימוד, א געוויסער לימוד, און דאס כסדר לערנען, כסדר לערנען, ווען איך האב א זמן פנוי זאל איך לערנען.

אוודאי, עס קומט די זמנים (מהישיבה וכולל). נאר פשט איז אזוי, אוודאי מען דארף זיך גרייטן צום שיעור, מען דארף חזר'ן א שיעור, מען דארף לערנען חומש מיט רש"י, מען דארף לערנען שולחן ערוך, מען האט סדרים. אבער דער סדר איז א סדר 'מענין לענין', בשעת מען זיצט אויפן אויטא, בשעת מען ווארט, בשעת מען לייגט זיך שלאפן, בשעת מען שטייט אויף, בשעת מען דערלאנגט דיר דאס עסן - ביז מען דערלאנגט דיר דאס עסן - לערן עפעס א לימוד, לערן. (הסוף חסר, וחבל על דאבדין)

# יאמין לבך

עס איז נישט קיין ספק אז א מענטש שטייט נישט ביי קיין נסיון חס ושלום, איז רעכט אז עס האט אים געפעלט א קאפיטל אין ישעי' וואס ער האט עס נישט גוט דורכגעטוהן מיט דער רש"י.

וואס ווען ער לערנט עס דורך וואלט ער געהאט א כח זיך צו מתגבר זיין על היצר.

אדער פעלט אים א געוויסער פרק משניות, עפעס א געוויסער סוגיא, **וואס ווען ער וואלט עס ווען דורכגעטוהן וואלט ער ווען געהאט די 'מזונא דנשמתא' בייצושטיין דעם נסיון.**

**"בראתי יצר הרע, בראתי לו תורה תבלין"!**

(מתוך ספר דורשי יהודך יסודי היהדות ח"א – מאמר ה')